# לויה פון מיניסטער סאַלענגראַ

## פרעמיער בלום וועט מעהר נישט דערלאָזן צו קיין רכילות־קאַמפּאַניעס

ל י ל, 22 (ספּ. טעל.)

ביים אנטייל פון אונצעהליגע מאַסען פון לאַנד [...]ן פון אויסלאַנד איז היינט פאַרגעקומען די לייה [...] אינערן־מיניסטער סאַלענגראַ, די טרומנע איז [...]וען בעשיט מיט קרענץ פון דער רעגירונג, [...]ימטונגען פון פאָלקס־פראָנט, אָרגאַניזאַציעס און [...]ראַיינען, פאַר דער טרומנע, ביי וועלכער ס'זענען [...]שטאַנען דער ברודער פון פערשטאָרבענעם, פרעמ[...] בלום, העריאָ און אַנדערע מיניסטאָרען, האָ[...]נען דעפּילירט דעלעגאַטען פון די ארבייטער־אָרגאַ[...]זאַציעס און סינדיקאַטען.

פרעמיער בלומס רעדע איז דורכ'ן ראַדיאָ [...]ראַנסמיטירט געוואָרען אין גאַנצען לאַנד, אין [...] לייה האָט אנטיילגענומען אַ האלב מיליאָן [...]ענשען.

גלייכצייטיג זענען אין פּאַריז פאַרגעקומען [...]ויער־פערזאַמלונגען ביים אנטייל פון צעהנדלי[...]ר טויזענד מענשען.

פ אַ ר י ז, 22 (ספּ. טעל.)

אויף דער היינטיגער לייה פון סאַלענגראַ האט [...]רעמיער בלום געהאַלטען אַ רעדע, אין וועלכער [...] האָט אונטערגעשטראָכען די פערדינסטען פון [...]ניסטער אַלס פרעזידענט פון ליל און זיינע אויפ[...]אַבען אלס אינערן־מיניסטער, דער פרעמיער האַט [...]זאָגט, אז סאַלענגראַ האָט זיינע אויפגאַבען פול[...]שטענדיג ערפילט, דער פרעמיער האָט אין די שאַרפ[...]סטע ווערטער פערארטיילט די קאַמפּאַניע פון ליי[...]גענס און רכילות וועלכע האָט געטריבען צום [...]ויט פון סאַלענגראַ. האָט דערמאָהנט די אָפּשטימונג [...]ין פאַרלאַמענט וועלכער האָט מיט 300 שטימען [...]געגען 63 אָפּגעוואָרפען די בעשולדיגונג און ער־קלערט, אז אין דער צוקונפט וועט געמאַכט ווערען אַ סוף צו דער פּאָליטיק פון רכילות, וועלכע ווערט געפיהרט דורך אַ טייל פון דער פרעסע. דאָס פראַנצויזישע פאָלק וועט נישט טאָלערירען די רכילות־דיגע אָנגריפען אויף די פאָרשטעהער פון פאָלקס־פראָנט.

טהארע האט אין נאָמען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פערלאַנגט צו פערוועהרען די פאַשיסטישע פרעסע, פונאַנדערלאָזען די ליגעס און ארעסטירען די אָנפיהרער וועלכע טרעטען ארויס געגען דער רעפּובליק.

דאַן האָט גערעדט דעלאַדיע, ער איז אויך פאַר די פּעראָרדנונגען, וועלכע זאָלען מאַכען אַ סוף צו רכילות און צום מאָראַלישען דערהרגענען פון מענשען.

# אנטי־יודישע ארויסטרעטונגען אין ווילנא

## אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אָקופּאַציע פון ווילנער אַקאַדעמישען הויז

ווילנא, 22 (טעלעפאָניש)

אין ווילנאָ איז היינט ווידער געקומען צו אנטי־יודישע ארויסטרעטונגען. 1000 יוגענדליכע האָבען זיך הייוט פערזאַמעלט פאַר'ן אקאדעמישען הויז, וועלכער ווערט אָקופּירט דורך די ענדעקישע סטודענטען. עטליכע סטודענטען זענען ארויס אויפ'ן באַלקאָן און געהאַלטען אַנטיסעמיטישע רעדעס. די פערזאַמעלטע האָבען איינגעאָרדענט דעמאָנסטראַציעס, וועלכע זענען נישט דערלאָזט געוואָרען דורך דער פּאָליציי.

פון אקאדעמישען הויז האָט מען געוואָרפען שטיינער. די דעמאָנסטראַנטען האָבען זיך געפּרובט אָקעגענשטעלען דער פּאָליציי. עס זענען אויסגעהאַקט געוואָרען פיל שויבען אין יודישע געשעפטען. אַ סך יודען זענען צושלאָגען געוואָרען.

# עת־לבנות צוגעשטאַנען צום בלאָק

## פון אגודה און מזרחי אין דער וואַרשעווער קהלה

# לעוויטע זאָל ווערען פּרעזעס פון דער פערוואַלטונג

וואַרשא, 22 (טעלעפאָניש)

אַ גרויסע סענסאַציע אין די געזעלשאַפטליכע קרייזען האָט ארויסגערופען די ידיעה, אז צום בלאָק צווישען דער אגודה און מזרחי אין דער וואַרשאַווער קהלה איז צוגעשטאַנען דער עת־לבנות אַלס פּרעזעס פון דער קהלה זאָל געוועהלט ווערען לעוויטע און אַלס וויצע־פּרעזעס אַ אגודיסט.

דער דאָזיגער שריט פון עת־לבנות, קען ברענגען צו אַ נייער שפּאַלטונג אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

—*×*—

# פּראָפּאַגאַנדע־פייערונגען אין פּוילען

## פאַר העברעער קאָלאָניעס

וואַרשא, 22 (טעלעפאָניש)

אין גאַנץ פּוילען און אויך אין וואַרשא, זענען היינט פאָרגעקומען פּראָפּאַגאַנדע־פייערונגען אין דער פראַגע וועגען קאָלאָניעס פאַר פּוילען. אַ גרויסע פערזאַמלונג איז פאָרגעקומען אונטערן פאָר זיץ פון געוועזענעם אינערן־מיניסטער קאַמינסקי אין וואַרשאַווער שטאָט־ראַט. מיט אַ רעדע איז ארויסגעטרעטען דער געוועזענער סיים־מאַרשאַלעק דעמבסקי אין זיין רעדע האָט ער אויך בעריהרט דאָס יודישע פּראָבלעם. ער האָט געזאָגט, אז דאָס בעקומען קאָלאָניעס פאַר פּוילען איז אַ לעבענס־פראַגע, פון פּוילען מוזען עמיגרירען עטליכע מיליאָן מענשען, אַלס איינס יודען — צו נישט יודען. דאָס וועט ברענגען צום לעזען פון יודען־פּראָבלעם, ווייל די פּערבליבענע בירגער וועלען האָבען עקזיסטענץ־מעגליכקייטען. עס האָט אויך גערעדט אַ פאָרשטעהער פון די יוגענד, וועלכער האָט געזאָגט, אז די יוגענד איז גרייט צו קעמפען פאַר קאָלאָניעס. אויב דער עלטערער דור, האָט געקעמפט פאַר דער אונאָפּהענגיגקייט — וועט די יוגענד קעמפען פאַר קאָלאָניעס.

Dr. med. L. Berman

נעגעלביאַנאַ 15, טעל. 149-07

ספּעציעל־ארצט פאַר מענער · שוועכע־בעהאַנדלונג און סעקסועלע בעראַטונג

נעמט אָן פון 8—11 און פון 4—8 אָוונט.

זונטאָג פון 9—1 פאַרמיטאָג

פאַר אונבעמיטעלטע — לעטשניצע־פרייזען

טעאַטער „פילהאַרמאָניע"

20 נאַרוטאָוויטשאַ 20

ווילנער יודישע אָפּערעטען־טרופּע

# נחמה, קאַדיש, חאַש, קוטנער

מיט'ן גאַנצען ערשטקלאַסיגען אַנסאַמבל:

א. בלאַט, י. חאַש, פעטערמאַן, א. גראַדנער, אידינאַ, קאַדיש, ש. קוטנער, א. ליפּאָווסקאַ, נחמה, י. בייווירט, ע. רייכער, מ. ראַביז, ע. טאַפּעל א. א.

דעם 26 ד. ח. 9 אָוונט

היינט און דאָנערשטאַג,

2 פאָרשטעלונגען

וועלכע הכנסה עס איז בעשטימט געוואָרען פאַר די פאַמיליעס פון די געפאַלענע קרבנות בערקאָוויטש און זענדעל

עס ווערט געגעבען ספּעציעל פאַר די צוויי אָווענטען די לעבענס־פּיעסע פון קאַלמאַנאָוויטש

# „די אייביגע מאַמע"

איז 3 אקטען

ס'איז דער חוב פון יעדען לאָדזשער יוד אליין צו קומען און מיטצוברענגען פריינד און בעקאַנטע פאַר'ן חיילינען חוב פון העלפען די אלמנות און יתומים.

אכטונג מיטגלידער פון קאַנדיטאָר־פעראיין!!

אכטונג מיטגלידער פון געפליגעל־הענדלער־פעראיין!

העלפט די פאַמיליעס פון אייערע געפאַלענע חברים!

אָרגאַניזירט אַלע אייערע מיטגלידער און קומט מאַסענווייז היינט מאָנטאָג און דאָנערשטאָג אין „פילהאַרמאָניע".

בילעטען צו בעקומען אין קאַסע פון „פילהאַרמאָניע".

